**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/9/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שטעלט פאר פרעצעדענטלאזע שטיצע פאר עדזשוקעישען אין בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024, אריינרעכענענדיג 34.5 ביליאן דאלאר אין סקול עיד**

***העכערונג אין סקול עיד פון 3 ביליאן דאלאר, העכסטע סומע פון סטעיט הילף אין היסטאריע, אויסצאלנדיג אינגאנצן פאַונדעישען עיד***

***150$ מיליאן העכערונג אין פרי קינדערגארטן***

***134$ מיליאן אין פארברייטערטע צוטריט צו פרייע סקול מאלצייטן***

***פארברייטערט חינוך געלעגנהייטן מיט 22 צוגעקומענע טשארטער סקולס***

***היסטארישע אינוועסטירונגען אין SUNY'ס טראנספארמאציע און CUNY'ס סטראַטעגישע געברויכן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט פארגעשטעלט די היסטארישע סומעס פאר עדזשוקעישען אין די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024, אריינרעכענענדיג א רעקארד-הויכע 34.5 ביליאן דאלאר אין סך הכל סקול עיד פאר די סקול יאר פון 2023-24 — זייענדיג די העכסטע סומע פון הילף פון די סטיעט אין די היסטאריע. גאווערנער האקול איז באגלייט געווארן דורך שילער וועלכע באטייליגן זיך אין אן עפטער-סקול פראגראם וואס קאנצעטרירט זיך אויף די STEM פעלדער.

"די עטליכע פאר יאר זענען געווען גאר שווער פאר אונזערע שילער/ינס, און יעצט דארפן מיר גיבן פאר אונזערע קאמיוניטיס די מיטלען וואס זיי דארפן צו קענען מצליח זיין," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די בודזשעט נעמט מהפכה'דיגע שריט צו האלטן אונזערע קינדער אויף די רעלסן צו הצלחה. אונזערע שילער/ינס האלטן די שליסל צו ניו יארק'ס לעכטיגע צוקונפט, און אונזער אינוועסטירונג אין עדזשוקעישען מאכט זיכער אז די צוקונפט איז לעכטיגער פון סיי ווען בעפאר."

די טראנספארמאטיווע אינוועסטירונגען וואס זענען אריינגעלייגט געווארן אין די בודזשעט צו שטיצן סקולס רעכענען אריין:

- היסטארישע סומע פון 34.5 ביליאן דאלאר אין סקול עיד, די העכסטע סומע פון סטעיט הילף אין די היסטאריע. דאס נעמט אריין 24$ ביליאן פאר פונדעמענטאלע הילף-א 2.6$ ביליאן דאלער העכערונג פון לעצטע יאר-צו אויספירן גאווערנאר האקול'ס צוזאג צו גענצליך פינאנצירן פונדעמענטאלע הילף די ערשטע מאל אין היסטאריע. ניו יארק טוט ווייטער צושטעלן די מערסטע עדיוקעישן פאנדינג פער סטודענט אינם לאנד.

- די געלטער וועלן ערלויבן טייל לאקאלע דיסטריקטס צו רעדוצירן פּראפּערטי טעקסעס פאר פאמיליעס, אין צוגאב צום גיבן פאר יעדעס קינד אין ניו יארק די כלים צו קענען מצליח זיין דורך א חינוך פון א הויכע קוואליטעט.
- 150 מיליאן דאלאר פארברייטערן פרי-קינדערגארטן פראגראמען פון א הויכע קוואליטעט פאר 20,000 קינדער אריבער די סטעיט, ברענגענדיג די סומע פון די סטעיט'ס יערליכע פרי-קינדערגארטן אינוועסטירונג צו מער פון 1.2 ביליאן דאלאר.
- 134 מיליאן דאלאר פון סטעיט געלטער צו זיין א רייץ פאר קוואליפיצירנדע פובליק און פריוואטע סקולס וועלכע דינען קאמיוניטיס מיט נידעריגערע איינקונפט זיך צו באטייליגן אין די פעדעראלע 'קאמיוניטי בארעכטיגונג צושטעלונג' (Community Eligibility Provision) פראגראם, ערלויבנדיג אלע קינדער אין די סקולס צו עסן פרישטאג און מיטאג אומזיסט.
- 20 מיליאן דאלאר פאר 'פריע קאלעדזש הויך שולע' (Early College High School, ECHS) און 'אויסגעפלאסטערטע וועגן אין טעכנאלאגיע - פריע קאלעדזש הויך שולע' (Pathways in Technology Early College High School, P-TECH) — פראגראמען וועלכע ערלויבן הויך שולע שילער צו באקומען קאלעדזש קרעדיטס שוין אין הויך שולע, גיבנדיג דין קדימה פאר שילער אין נויטבאדערפטיגע סקול דיסטריקטס.
- 10 מיליאן דאלאר וואס וועט גיין צו זיכער מאכן אז עס זענען דא גענוג ארבייטער צו זיין איינגעשטעלט אין הויך שולע ביז קאלעדזש. די געלטער וועלן געגעבן ווערן פאר סקול דיסטריקטס, פאר באורדס פון קאאפעראטיווע עדזשוקעישען סערוויסעס (boards of cooperative educational services, BOCES) און אזוי אויך פאר קאמיוניטי קאלעדזשעס צו אויפקומען מיט סטראטעגישע פלענער וויאזוי צו גרייט מאכן מענטשן פאר דזשאבס אין די חינוך/בילדונג וועלט.
- 2.5 מיליאן דאלאר פאר די סטעיט עדזשוקעישען דעפּארטמענט צו שטודירן און אוועקשטעלן א נייע שיטה וויאזוי צו אויסרעכענען די ראטעס פון שכר לימוד פון ספּעשיעל עד סקולס אויף א מער גלאטע און בעסערע וועג. די געלטער וועלן העלפן זיכער מאכן אז ספּעשיעל עד מוסדות קענען פארזעצן צו צושטעלן סערוויסעס פון א הויכע קוואליטעט פאר שילער/ינס מיט דיסאביליטיס.
- פונדאסניי אויטאריזירן 22 טשארטער סקולס וועלכע זענען האבן זיך געהאט פארשלאסן נאכן צום ערשט אויטאריזירט ווערן. די וועט ערלויבן נאך 14 טשארטער סקולס זיך צו עפענען אין ניו יארק סיטי און אכט טשארטער סקולס אין די רעשט פון די סטעיט, פארברייטערונג חינוך אפציעס פאר שילער/ינס און עלטערן.
- פרעצעדענטלאזע סומעס פון שטיצע פאר די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק (State University of New York, SUNY) און פאר די סיטי אוניווערסיטעט פון ניו יארק (City University of New York, CUNY), אריינרעכענענדיג 2.4 ביליאן דאלאר אין נייע געלטער פאר SUNY און CUNY אינפראסטרוקטורישע פראיעקטן און 256 מיליאן דאלאר אין נייע אלגעמיינע אפעראציע הילף וואס וועט זיך איבערחזר'ן פאר SUNY סטעיט-אנגפירטע קאמפוסן (163 מיליאן דאלאר) און CUNY סיניאר קאלעדזשעס (93 מיליאן דאלאר).

**סטעיט סענאטארשע פעטרישע קאנזאַנערי-פיטספעטריק האט געזאגט,** "אן אינוועסטירונג אין אונזערע קינדער איז אן אינוועסטירונג אין אונזער צוקונפט, און עס דערפרייידט מיך אז די חלק פון די בודזשעט לייגט זייער חינוך אלץ פריאריטעט. אינגאנצן אויסצאלן פאַונדעישען עיד איז א וויכטיג צו קענען גיבן פאר שילער/ינס די מיטלען וואס זיי דארפן צו גאראנטירן זייער אקאדעמישע הצלחה, און פארברייטערן צוטריט צו אומזיסטע סקול מאלצייטן איז א קריטישע טריט פאראויס צו נאכקומען די באדערפענישן פון אונזערע שילער/ינס. די געלטער וועלן שפילן א וויכטיגע ראלע מיטן זיך זארגן פאר די

אקאדעמישע, פיזישע און געזעלשאפטליכע באדערפענישן פון אונזער קומענדיגע דור פון שילער/ינס, גיבנדיג זיי די נויטיגע סקילס און כלים זיי צו ארויפלייגן אויף די וועג צו שטאנדהאפטיגע און ערפאלגרייכע קאריערעס אין זייער צוקונפט."

**אסעמבלי פרוי מיקעילע סאלאדזשעס האט געזאגט,** "דורכן אינוועסטירן אין אונזערע קינדער'ס חינוך דורך מער סטעיט פינאנצירונג טוהען מיר נישט נאר פארזיכערן זייער צוקונפט, נאר מיר רעדוצירן אויך די לאסט פון פּראפערטי טעקסעס אויף פאמיליעס. חינוך איז די יסוד פאר פארשריט, און עס איז העכסט צייט אז מיר זאלן עס שטעלן אלץ פריאריטעט אלץ א געמיינזאמע אחריות פאר די בענעפיט פון די כלל. ארבעטנדיג מיט אונזער גאווערנער קעטי האקול, אינוועסטירן מיר אין אונזערע קאמיוניטיס אין לאנג איילענד."

**לאנג איילענד אסאָוסיעישען פרעזידענט און CEO, מעט קאָוהען, האט געזאגט,** "עס איז נישטא קיין בעסערע אינוועסטירונג פון אונזערע קינדער, און דורכן פינאנצירן חינוך כדי קינדער זאלן קענען בליהען ערררייכט ניו יארק סטעיט אויך די ציהל צו רעדוצירן פראפערטי טעקס פאר שטייער-באצאלנדע בירגער. מיר אפלאדירן גאווערנער האקול'ס און די לעגיסלאטור'ס איניציאטיוון סיי אין סקולס פון קינדערגארטן ביז 12'טע קלאס און סיי אין העכערע בילדונג צו אינוועסטירן אין אונזער קומענדיגע דור, שטיצן פאמיליעס און זיכער מאכן אז קינדער זענען גרייט פאר די ארבעטסקראפט פון די צוקונפט."

**נעסאו-סופאלק סקול באורדס אסאָוסיעישען עקזעקיוטיוו דירעקטאר, באב וועטשיאָו, האט געזאגט,** "מיר ווילן באדאנקען גאווערנער האקול און די NYS לעגיסלאטור פארן מקיים זיין די צוזאג צו אינגאנצן אויסצאלן פאַונדעישען עיד פאר ניו יארק סטעיט'ס פובליק סקולס. מיר ווילן אויך באדאנקען די גאווערנער און די לעגיסלאטור פאר די געהעכערטע אינוועסטירונגען אין UPK פראגראמען, גייסטישע געזונטהייט איניציאטיוון און פאר א גרויסע טריט פאראויס מיט די איניציאטיוו צו צושטעלן געזונטע סקול מאלצייטן פאר אלע NYS שילער/ינס. מיר שטייען אויך גרייט צו ארבעטן מיט די גאווערנער צו רעפינירן און מאכן ענדערונגען צו די פאַונדעישען עיד פארמולע צו זיכער מאכן אז עס זעצט פאר צו ערפילן די סטעיט'ס צוזאג צו צושטעלן א שטארקע פונדאמענטאלע חינוך פאר אלע שילער/ינס אין יעדע קאמיוניטי אריבער גאנץ ניו יארק סטעיט. די באפעלקערונגען און פארלאנג פאר וואס אונזערע פובליק סקולס שטעלן צו האבן זיך דראמאטיש געטוישט זינט די יעצטיגע פארמולע איז אריבערגעפירט געווארן אין 2007. מיר זענען אויך גרייט צו ארבעטן מיט די גאווערנער צו ארייננקוקן אין די געדאנק צו פארלייכטערן די רעגולאציעס פאר אונזערע לאקאלע דיסטריקט אלץ א מיטל צו רעדוצירן די קאסטן פון צושטעלן חינוך אין ניו יארק סטעיט. אונזערע לאקאל-ערוויילטע באורדס אָוו עדזשוקעישען זענען דא צו פארזעצן צו גיבן די פירערשאפט וואס איז נויטיג צו קענען פארזעצן צו טראנספארמירן אונזער פובליק עדזשוקעישען סיסטעם צו נאכקומען די באדערפענישן פון אונזערע שילער/ינס פאר די מארגנדיגע ארבעטסקראפט."

**נעסאו קאונטי קאונסיל אָוו סקול סופּעראינטענדענטס פרעזידענט, דאמיניק פאלמא, האט געזאגט,** "די היי-יאריגע סטעיט בודזשעט שטעלט צו פרעצעדענטלאזע סומעס פון הילף פאר סקולס אריבער גאנץ ניו יארק סטעיט. איך אפלאדיר די קאנצענטראציע אויף דאס אינגאנצן אויסצאלן פאַונדעישען עיד, פארברייטערן בארעכטיגונג פאר פרישטאג און מיטאג מאלצייט פראגראמען, פארברייטערן פּרי-קינדערגארטן, גייסטישע געזונטהייט פאר שילער/ינס, ספעשיעל עד און קאריערע און טעכנישע בילדונג. די היסטארישע העכערונג אין הילף וועט ערלויבן פילע דיסטריקטס אריבער אונזער ראיאן צו אנהאלטן עקזיסטירנדע – און עפענען נייע – פראגראמען און סערוויסעס וועלכע שטיצן די וואוקס און הצלחה פון שילער/ינס אין יעדע שטאפל. איך דאנק גאווערנער האקול און אונזערע ניו יארק סטעיט געזעצגעבער פאר זייער אנגייענדע שטיצע פון פובליק עדזשוקעישען."

**עלמאנט סקול דיסטריקט סופּעראינטענדענט, דר. קענעט ראוזנער, האט געזאגט,** "די עלמאנט עלעמענטערי סקול דיסטריקט וויל באדאנקען גאווערנער האקול פאר איר איבערגעגעבנקייט צו פובליק

עדזשוקעישען אין NY סטעיט. דאס אינגאנצן אויסצאלן פאַונדעישען עיד וועט ערמעגליכן אונזער סקול דיסטריקט צו פארזעצן צו צושטעלן הויכע שטאפלען פון פראגראמען פאר אלע אונזערע שילער/ינס בשעת'ן פארגרינגערן די לאסט פון שטייערן אויף פאמיליעס פון אונזער קאמיוניטי. מיר זענען שטאלץ מיט די ארבעט וואס מיר טוהען פאר אלע געביטן פון חינוך פאר די קינדער, און מיר קוקן ארויס צו די אנגייענדע שותפות מיט אונזער גאווערנער."

**עלמאנט סקול דיסטריקט באורד אָוו עדזשוקעישען פרעזידענט, מייקעל א. דזשעים, האט געזאגט,** "אין נאמען פון די עלמאנט סקול קינדער און סקול קינדער אריבער גאנץ לאנג איילענד, וויל איך אויסדרוקן דאנקבארקייט פאר גאווערנער האקול און איר אדמיניסטראציע פאר זייער איבערגעגעבנקייט צו אינגאנצן אויסצאלן פאַונדעישען עיד. די באנייטע קאנצענטראציע אויף די וויכטיגקייט פון פובליק עדזשוקעישען וועט האבן א פאזיטיווע השפעה אויף די לעבנס פון צאללאזע סקול קינדער און פארבעסערן די אויסזיכטן פאר עקאנאמישע הצלחה פאר די סטעיט."

**Dutch Avenue סקול פרינסיפּעל, סינטיע קאסים, האט געזאגט,** "איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול'ס שטיצע פון פובליק עדזשוקעישען און די פארברייטערונג פון פאַונדעישען עיד. די פראגראמען פלאסטערן אויס די וועגן פאר אונזערע שילער/ינס צו ווערן צוקונפטיגע אינדזשעניר, וויסנשאפטלער און מאטעמאטיקער. אנטוויקלען די נויטיגע יסודות'דיגע סקילס מוז זיך אנהויבן אין די עלמענטערי יארן, ווען די קינדער קענען לערנען איבער פארשידענע געדאנקען און אויפבויען די וויסנשאפט וואס וועט זיי העלפן אנטוויקלען זייערע סקילס, כדי זיי זאלן ווערן מענטשן וואס טראכטן און וואס זענען שעפעריש און זיי צו צוגרייטן פאר סארטן דזשאבס וואס עקזיסטירן נאך זאגאר נישט."

**Dutch Avenue סקול שילערין, קלאָואי גאדזשאדאר, האט געזאגט,** "שילער/ינס מוזן געגעבן ווערן די געלעגנהייט צו גיין צו קלאַבס פאר D3 פרינטינג, דראָונס און LEGO ראבאטיקס. די אקטיוויטעטן זענען איבונגען פאר די מוח, און מיר קענען פארשטיין וויאזוי זאכן ארבעטן! גיין צו STEM פראגראמען ערלויבט מיך און די אנדערע קינדער צו לערנען איבער אינדזשענירונג און טראכטן איבער ארבעטן אין דעם פעלד."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן